ב"ה




פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת תרומה, ה' אדר תשס"ז
גליון 3, מספר 16


# פרשת תצוה




## די גרויסע שמחה פון פורים

יום טוב איז אין אלעגעמיין א פריילעכער און מזל'דיקער טאג פאר אלע אידן, בפרט פורים וואס דעמאלט איז די שמחה גאר א גרויסע, נאך גרעסער ווי די שמחה פון אלע אנדערע ימים טובים, גרעסער אפילו פון דער שמחה פון חג הסוכות (וואס ווערט אנגערופען "זמן שמחתנו"), ווי די חז"ל זאגן אז "חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע" - די שמחה פון פורים האט ניט קיין גרעניץ.

דערפאר איז אויך דער מנהג ביי אידן, אז מען מאכט פורים פארשידענע פארשטעלונגען - מען טוט אן "מאסקעס" און דאס גלייכן - ווייל די שמחה פון פורים האט ניט קיין גרעניץ, ובמילא איז זי "פורץ גדרים": זי "ברעכט" די באגרענעצונגען און געוויינטלעכע איינגעשטעלטע סדרים.

דערפון איז פארשטאנדיק אז אויך די צוגרייטונג צו פורים דארף זיין דורכגענומען מיט שמחה, און וואס מער מען איז מוסיף אין די לעבעדיקייט און שמחה אין דער צוגרייטונג צו פורים, אלץ מער איז די ליכטיקייט און שמחה פון די ימי הפורים וואס קומען דערנאך.

פונקט ווי מען דארף האבן שמחה ביי זיך אליין, אזוי דארף מען משפיע זיין ליכטיקייט און שמחה אויף אלע קינדער ארום זיך, און זיי דערציילן אז "ליהודים היתה אורה ושמחה" - "אורה זו תורה" און "שמחה זה יום טוב" - און אזוי אויך בזמן הזה, "כן תהי' לנו" - אז ביי יעדער אידן איז פאראן אורה און שמחה.

פון די שמחה איז מען זוכה בקרוב זיך צו פרייען מיט משיח צדקנו, אין די שמחה פון די גאולה האמתית והשלימה דורך משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער, שיחת י"ב אדר תשמ"ב, תשמ"ה, י' אדר שני תשד"מ)*

טייערע קינדער שלוחים שיחי'

איין טאג האט חי'ס מאמע געשמייכלט צו איר אינדערפרי. ווען חי' איז געגאנגען אין סקול, האט זי געשמייכלט צו איר לערערין. ווען די לערערין איז געגאנגען צום קראם, האט זי געשמייכלט צום בעל הבית. ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער געשמייכלט צו זיינע קינדער. צום סוף פון דער טאג זיינען געווען מער ווי צוואנציק שמייכלס פון די איין שמייכל וואס חי'ס מאמע האט איר געגעבן!

"משנכנס אדר מרבין בשמחה!"– פון דער ערשטע טאג אין אדר לייגט מען צו אין שמחה. יעדן טאג וואס גייט אריבער ווערט אונזער שמחה נאך גרעסער. שטעל זיך פאר וואס פאר א שמחה מען דארף האבן יד' אדר – דער פערצנטע טאג! מען ווערט אזוי צופרידן אז מען טרינקט לחיים און מען מאכט א קולע!

די אמת'ע שמחה קומט פון טאן א איד א טובה, פון מאכן אנדערע צופרידן! טראכט אריין די פורים אין וואס דו קענסט טאן צו מאכן אנדערע צופרידן: העלפן אייערע טאטע, מאמע, ברידער און שוועסטער, געבן משלוח מנות מיט א גרויסע שמייכל, און זינגען "א פריילעכ'ן פורים" צו יעדער איינער מיט וועמען איר טרעפט זיך!

די סארט שמחה וועט זיך פארשפרייטן, ביז דער אויבערשטער וועט זען אז מיר זיינען שוין גענוג צופרידן צו מאכן קולעס גלייך ביז ירושלים!

א פריילעכ'ן פורים!

א. וועכטער




# פורים

*געדענקט צו טאן אלע מצוות פון פורים!*




## תענית אסתר



- ☐ מען פאסט אויף תענית אסתר (פון בר/בת מצוה)
- ☐ איך האב געגעבן דריי האלב–דאלער מטבעות צו צדקה פאר מנחה

## פורים



- ☐ דאנערשטיג ביי נאכט האב איך געהערט יעדערווארט פון דער מגילה און געקלאפט ביי המן...
- ☐ פרייטיג האב איך געהערט יעדער ווארט פון דער מגילה און געקלאפט ביי המן...
- ☐ איך האב געגעבן מתנות לאביונים צו צוויי ארעמע מענטשן




- ☐ איך האב געגעבן משלח מנות מיט צוויי באזונדערע סארטן עסן/ טרונק צו א פריינט
- ☐ איך האב געזאגט על הנסים אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- ☐ איך האב געגעסן א פורים סעודה און געמאכט דאס זייער לעבעדיק!!







איינע פון די וויכטיגסטע מצוות איז "ואהבת לרעך כמוך." מיר דארפן ליב האבן יעדער איד, און זיין גוט צו יעדער מענטש. דער אויבערשטער האט באשאפן אלע מענטשן, און יעדער איינער איז ספעציעל.

דער איינציגסטע וועמען מען דארף __פיינט__ האבן - איז עמלק. מיר ליינען וועגן מחיית עמלק - אויסמעקן עמלק- דער שבת פאר פורים, ווייל די גאנצע גזירה פון פורים איז געקומען דורך המן ימ"ש, וואס ער שטאמט פון עמלק.

*וואס מיינט דאס פאר אונז?* עמלק סימבאליזירט דער ענין פון קרירות - קאלטקייט. ווען די אידן זיינען געווען אזוי צופרידן צו מקבל זיין די תורה, איז עמלק געקומען, און ער האט זיי אפגעקילט, "וואס ווערסטו אזוי נתלהב פון קבלת התורה?", האט ער געפרעגט.

ווען מיר ווילן אויסמעקן עמלק, דארפן מיר אויסמעקן די עמלק אין אונז: די קאלטקייט צו תורה און מצוות.

די וועג צו קריגן זיך מיט די עמלק איז צולייגן אין אונזער חיות אין עבודת ה'... צו דאוונען מיט מער לעבעדיקייט, צו האבן א געשמאק אין טאן א איד א טובה, און צו פאלגן די עלטערן מיט א צופרידענע גייסט. דאס איז די וועג ווי אזוי מיר מעקן אויס די קליינע עמלק פון אינעווייניק, און דורך דעם ברענגען מיר דעם טאג ווען עמלק וועט זיין אינגאנצן אויסגעמעקט, מיט די קומען פון משיח!




אין צייט פון גאולה וועט די ליכטיקייט פון דעם אויבערשטן שיינען יעדן טאג, אזוי ווי עס שיינט יעצט שבת און יום טוב. דערפאר וועלן די ימים טובים ניט זיין אזוי ספעציעל אין צייט פון גאולה, ווייל יעדן טאג וועט זיין אזוי ווי א יום טוב. דער איינציגסטע יום טוב וואס וועט בלייבן, וועט זיין דער יום טוב פון פורים!

ווען מיר פייערן פורים יעצט, האבן מיר שוין א טעם פון דער צייט פון משיח!

# דערציילט מיר א מעשה

איין יאר, אין שטאט ווארדיק, איז חודש אדר ניט געווען א צופרידענע חודש. אנשטאט ווארטן פאר די קומענדיקע יום טוב, האבן זיי מורא געהאט אז מען וועט הרג'נען די גאנצע אידישע קהילה. עס האט אויסגעזען אזוי ווי דער ערשטע פורים! וואס איז געווען?

די זון פון דעם צאר איז געגאנגען אין וואלד מיט א פאר פריינד. זיי האבן פארלארן זייער וועג, און זיינען אנגעקומען אין שטאט ווארדיק. אלע מענטשן זיינען געווען צופרידן צו האבן אזא חשוב'ע גאסט צווישן זיי. זיי האבן אים געגעבן די בעסטע צימער אין דער גאסט הויז, מיט די בעסטע עסן.

די נעקסטע טאג, איז דער פרינץ געווארן זייער ניט געזונט,און ער האט ניט געקענט אהיים גיין. מען האט געשיקט שלוחים צו דערציילן זיין טאטע, דער צאר, וועגן דעם. אין א קורצע ווייל איז דער צאר, צוזאמען מיט זיינע מענטשן, אנגעקומען אין שטאט ווארדיק.
זיי האבן מיטגעבראכט דאקטוירן וואס האבן איבערגעקוקט דער פרינץ, אבער זיי האבן אים ניט געקענט העלפן. דער פרינץ האט געהאט הויכע היץ, און ער האט ניט געוואלט עסן און טרינקן: זיין גאנצע לעבן איז געווען אין געפאר.

איינע פון די מיניסטערס האט באשלאסן אז דאס איז דער שולד פון די אידן! ער האט געזאגט אז דער פרינץ איז ניט געזונט ווייל זיי האבן אים מסתמא געגעבן ניט גוטע עסן. ווי מען קען פארשטיין, איז דאס בכלל ניט געווען דער אמת, אבער אלע מענטשן זיינען געווען אזוי פארזארגט וועגן דער פרינץ, אז זיי האבן אים געגלויבט.

*דערפאר האבן די אידן פון ווארדיק זייער מורא געהאט פאר זייער לעבן.*

דער טאג פאר פורים, האט מען ארויפגעלייגט צווי פאפירן ארום די שטאט. אויף איינע פון די פאפירן איז געווען געשריבן אז אויב דער פרינץ וועט ניט פילן בעסער ביז דער נעקסטער טאג, וועט מען לייגן די שולד אויף די אידן פון שטאט. אויפ'ן צווייטן פאפיר איז געשטאנען אז דער פרינץ איז שוואך, און דערפאר מוז עס בלייבן זייער שטיל אין שטאט.

עס איז געקומען דער טאג פון פורים, און מען האט זיך געמוזט איינזאמלען צו הערן די מגילה. די אידן האבן זיך איינגעזאמלט אין שול שטילערהייט, ניט ווייט פון די גאסט הויז וואו דער פרינץ איז געלעגן. דער רב האט געבעטן אז מען זאל זיין אינגאנצן שטיל, און קיינער זאל ניט נוצן זייערע גראגערס.

**מען האט זיכער ניט געפילט די שמחה פון פורים!**

פלוצלונג האט מען געהערט א הויכע טומל. מען האט געליינט דער נאמען פון המן, און יעקב, א קליינע אינגל, האט געשאקלט זיין גראגער מיט א גרויסע שמייכל.
דער גאנצער שול האט אויף אים געקוקט. דער רב האט ווייטער געליינט די מגילה. מענטשן האבן געוואלט אוועק נעמען די גראגער פון יעקב, אבער ער האט ניט געלאזט. קיינער האט אים געקענט איינזאגן, ווייל מען טאר ניט רעדן אין מיטן די מגילה ליינען!

*דערווייילע, אין די גאסט הויז*......די פענסטער צום צימער פון פרינץ איז געווען אפען, אריינצולאזן א ביסל לופט. ארום זיין בעט זיינען געווען מיניסטערס, און דער צאר אליין. עס איז געווען אינגאנצן שטיל. דער פרינץ האט אויסגעזען ווייס און זייער שוואך.

פלוצלונג האט מען געהערט א טומל. דער קול פון דער גראגער האט געשפאלטן די שטילקייט. זיי זיינען אלע אויפגעשטאנען און האבן געלאפן צום פענסטער צו זען –ווער האט געהאט די חוצפה צו גיין אנטקעגן דער חוק?
אבער נאך א סעקונדע האט זיך אלס געביטן. זיי האבן געהערט דער קול פון דעם פרינץ, "קען איך האבן א ביסל וואסער? איך פיל אזוי טרוקן!"

***די קול פון דער גראגער האט אויפגעוועקט דער פרינץ!***

א פאר טאג שפעטער איז ער שוין געווען אינגאנצן געזונט, און איז אהיים געגאנגען: אבער ערשט האט ער אפגעדאנקט די אידישע קהילה אז זיי האבן געראטעוועט זיין לעבן!

די אידן זיינען געראטעוועט געווארן, און יענער פורים איז געווארן א טאפלטן יום טוב!
מען האט געמאכט א גרויסע טראסק פון יעקב, מען האט אים געקושט און גענומען אויפן פלייצעס, און אלע מענטשן האבן געגעבן יעקב אזוי פיל נאש אז ער האט געהאט וואס צו עסן ביז פסח!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת תצוה

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אפיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

## שרייב אריין די ריכטיקע ענטפערס.

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | | | | | | | | | |
| ב | | | | | | | | | |
| ג | | | | | | | | | |
| ד | | | | | | | | | |
| ה | | | | | | | | | |
| ו | | | | | | | | | |
| ז | | | | | | | | | |
| ח | | | | | | | | | |
| ט | | | | | | | | | |

א. ליהודים היתה אורה ו ______________

ב. די ערשטע ווייב פון אחשורוש האט געהייסן ______________

ג. די הויפט שטאט פון פרס ______________

ד. אין ברכת המזון און אין שמונה עשרה לייגן מיר צו ועל ______________

ה. מיר ליינען די מגילה נאך ______________

ו. מענטשן טרינקן פורים אסאך ______________

ז. המן איז געקומען פון די משפחה פון ______________

ח. ______________ דער מגילה

ט. די דאטום פון פורים

הצלחה רבה

נאמען: ______________ ווי אלט: ______

אדרעס: ______________

______________

אימייל: ______________

**די געווינער פון פרשת תרומה: מנחם מענדל מונדשיין, 6**